בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



**וישב**

**כ' כסלו תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:04 |
| מוצש"ק | 5:20 |
| ר"ת | 5:57 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:18 | סוז"ת א' | 9:24 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 9:54 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קי"ד

שנה ג'


## טיב הפרשה

# ויד אל תשלחו בו

## אלעס איז פון הימל

## - אויך מעשים פון א בעל בחירה

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר איבער די געשעענישן וואס יוסף הצדיק איז אריבער אין זיין לעבן, פון ווען מען האט אים פארשיקט קיין ארץ מצרים ביז ווען די ברודער האבן זיך שפעטער געטראפן מיט אים.

איינס פון די שווערע איבערלעבענישן וואס יוסף הצדיק איז אריבער, איז געווען די מעשה מיט אשת פוטיפר.

אויבנאויף זעט די מעשה אויס ווי א מעשה וואס עס איז געשען בידי אדם. די פרוי פון פוטיפר האט זיך פארטשעפעט מיט אים, אבער ווען מען גייט צוריק אביסל פריער, זעט מען אז די זאך איז נישט אזוי.

אויף דער פסוק 'ויהי יוסף יפה תואר ויפה מראה' ברענגט רש"י אראפ די ווערטער פון חז"ל אז די מעשה האט פאסירט צוליב א טענה וואס מען האט געהאט אויף יוסף הצדיק און ווי עס איז דער לשון פון רש"י ויהי יוסף יפה תואר כיון שראה עצמו מושל, התחיל אוכל ושותה ומסלסל בשערו, אמר הקב"ה אביך מתאבל ואתה מסלסל בשערך, אני מגרה בך את הדוב, מיד ותשא אשת אדוניו וגו'.

חז"ל לערנען אונז דא אויס א שטארקע דערהער. ווען עס טרעפט זיך א געשעעניש ביי א מענטש און דער איד איז א מאמין וועט ער גלייך תולה זיין אז די געשעעניש איז באשערט פאר אים, אז ער דארף אריבערגיין א געוויסער תיקון, אז עס איז א טובה פאר אים און פאר זיין נשמה, אבער ווען עס געשעט צו איינעם א זאך וואס איז געווארן בידי אדם - א צווייטער מענטש האט עס גורם געווען פאר אים קען דער מענטש זיך נארן און טראכטן אז דאס קומט נישט פון הימל, ווייל עס איז דאך מעשה ידיו פון א מענטש באמצע און דער מענטש איז דאך א בעל בחירה און זיין בחירה האט גורם געווען די מעשה.

אויך דא וואלט מען געקענט טראכטן די זעלבע זאך. מען וואלט געקענט מיינען אז די פרוי פון פוטיפר איז דאך געווען א בעלת בחירה און איר בחירה האט גורם געווען די מעשה, אז אין אזא פאל קומט נישט אריין די געדאנק פון תולה זיין אז עס קומט מלמעלה, אבער דאס קומט רש"י אויסשליסן, ווייל דא זעט מען קלאר אז נישט די בחירה פון פוטיפר האט גורם געווען די מעשה, נאר דאס איז געשיקט געווארן פון הימל פאר אן


<<< | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם

יעדער נאכט, איידער א מענטש לייגט זיך אריין אין בעט, זאל ער זאגן 'הריני מוחל וסולח לכל מי שהכעיס והקניט אותי וכו'', און פארוואס דארף מען דאס זאגן? כדי עס זאל נישט בלייבן קיין שום כעס און קפידא אין זיין הארץ אויף אן אנדער איד. און טאמער וועסטו פרעגן, וואס גייט מיר דען אן אויב עס וועט בלייבן א קפידא וואס איז נאכנישט געווארן ענטשיידט אינעם זעלבן טאג? מען קען דאך אויך אויפצומארגנס מוחל זיין און בעטן מחילה פון אן אנדערע, וואס איז עס אזוי וויכטיג אז מען מבטל זיין דער כעס און מוחל זיין נאך ממש אינעם זעלבן טאג?

איז אזוי: ערשטנס, דארפן מיר געדענקען די ווערטער פון חכמינו ז"ל 'שוב יום אחד קודם מיתתך', און דעריבער, וויבאלד א מענטש ווייסט נישט ווען עס וועט קומען דער טאג וואס ער וועט ארויפגיין, זאל ער נישט איבערלאזן זאכן אויף מארגן, טאמער ער וועט חלילה נישט זוכה זיין צו משלים זיין און מתקן זיין, און דאס איז נוגע צו אלע ענינים. אבער נאכמער דערפון איז דער ענין פון מחלוקת, וואס חכמינו ז"ל לערנען אונז אז עס איז אזוי ווי א פייער אין א פעלד פון דערנער, און וואס שנעלער מען איילט זיך אלץ מער ווערן גרעסער זיין די שאנסן צו פארלעשן דעם פייער, אבער אויב חלילה איילט מען זיך נישט עס צו פארלעשן, דעמאלטס צושפרייט זיך אלץ מער און מער ביז עס איז נישט מעגליך עס צו פארלעשן, און עס פארברענט אלעס וואס קומט איר אין וועג, אן אז עס זאל מעגליך זיין עפעס צו ראטעווען.

**כאטש מיר פארשטייען און באגרייפן גארנישט פון די געוואלדיגע קדושה פון די הייליגע שבטי י-ה, רעדן מיר דא נאר פאר אונז, זיך צו לערנען א וועג פון מוסר פון דאס וואס די תורה הקדושה האט געשריבן, און מיר רעדן נישט חלילה אנטקעגן די הייליגע שבטים.**

ביי מכירת יוסף זעען מיר אז ווען עס האט זיך ענטוויקלט א שנאה צווישן די ברידער צו יוסף, זענען זיי צוגעקומען צו א מצב פון 'וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם', און רש"י זאגט דערויף אז 'מִתּוֹךְ גְּנוּתָם לָמַדְנוּ שִׁבְחָם, שֶׁלֹּא דִּבְּרוּ אַחַת בְּפֶה וְאַחַת בְּלֵב', און די תורה הקדושה ווייזט אונז דא וויאזוי די שנאה גייט ווייטער און וואקסט ממש ווי א פייער וואס כאפט זיך אן אין א פעלד פון דערנער, ווייל אין אנהייב איז עס נאר געווען 'וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם', און דערנאך זענען זיי אנגעקומען צו א מצב פון 'לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ', און דאס דארפן מיר זיך לערנען פון דא, אז אויב איינער האט עפעס א כעס אדער עפעס א טענה אנטקעגן זיין חבר, זאל ער נישט לאזן דעם כעס אין זיין הארץ, און אויב קען ער מוחל זיין זאל ער מוחל זיין, און טאמער נישט, זאל ער גיין צו זיין חבר און אראפלייגן פאר אים זיינע טענות, ביז די זאכן וועלן קלאר ווערן און דער כעס וועט בטל ווערן.

אט די פירונג דארף מען אויסלערנען די קינדער ווען זיי זענען נאך קליין, און עס איז זיכער אז אויב וועט מען זיך אזוי איינגעוואוינען ווען מען איז נאך יונג, וועט עס גרינג זיין פאר אים, און 'גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה'. (עפ"י טיב התורה – וישב)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

עונש אז יוסף הצדיק האט פארגעסן די צער פון זיין טאטע.

די זעלבע בחינה טרעפט מען אויך ביי דוד המלך ווען ער איז אנטלאפן פון זיין זון אבשלום און שמעי בן גרא האט אים נאכגעשריגן און געשאלטן. דערציילט דארט דער פסוק אז דער גענעראל פון דוד המלך אבישי בן צרויה האט זיך געוואלט אננעמען פאר די כבוד פון דוד המלך און אנשלאגן פאר שמעי אבער דוד המלך האט אים אפגעהאלטן זאגנדיג אז ׳השם אמר לו קלל׳ [שמואל טז. י] ווייל דוד המלך האט אלעס תולה געווען אין הקב״ה, נישט אין די כח וואס די בעלי בחירה האבן.

פארקערט פון דעם זעט מען ביי ראובן. אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר אז ראובן האט געהייסן מען זאל אריינלייגן יוסף אין א גרוב פון נחשים ועקרבים. דער אור החיים הק׳ אויפ׳ן ארט זאגט אז ראובן האט געהאלטן אז די בעלי בחירה זענען ערגער ווי די נישט בעלי בחירה. פון דעם זעט מען די פארקערטע, אז בעלי בחירה זענען ערגער פון נישט בעלי בחירה.

אין ספר ארך אפים פרעגט ער די סתירה, און ער איז עס מיישב זאגנדיג אז די שריט פון ראובן איז געווען כלפי יוסף הצדיק, מיט דעם שריט האט ראובן געוואלט מחזק זיין די אמונה פון יוסף הצדיק, ווייל ווען מען איז ארומגענומען מיט בעלי בחירה קען מען שנעלער פארלירן די אמונה, דאגעגן ווען דער פארמעסט איז מיט בעלי בחירה איז דער פארמעסט גרינגער, אבער ראובן האט נישט אינזינען געהאט צו ראטעווען יוסף פון די בעלי בחירה, ווייל סיי דער בעל בחירה און סיי דער נישט בעל בחירה האט די אייניגע כח צו קענען שעדיגן א מענטש, דער בעל בחירה האט נישט קיין גרעסערע כח.

אז מען זעט אז הקב״ה שטראפט איינעם דורך א בעל בחירה איז עס נאר ווייל דאס איז דער מידה כנגד מידה ביי דער מענטש. דער באשעפער איז דאך מעניש א מענטש מידה כנגד מידה און אמאל מוז עס זיין דורך א בשר ודם, אבער עס דארף זיין קלאר אז אויך ווען דער עונש קומט דורך א בעל בחירה - איז עס מן השמים.

דער געדאנק פון מידה כנגד מידה זעט אויס ווי א שטרענגע זאך אבער ווען מען איז זיך מתבונן אין איר זעט מען אז עס ליגט אין איר א געוואלדיגע חסד און ווי דער פסוק זאגט [תהלים סב. יג] ולך ה׳ הצדקה כי אתה תשלם לאיש כמעשהו.

די מטרה פון אן עונש איז דאך אז דער איד זאל זיך דערוועקן און פארבעסערן זיינע מעשים און ווען א איד ווייסט אז אלעס איז מידה כנגד מידה וועט ער וויסן מן השמים וואס מען וויל פון אים. ער וועט זען די עונש און וויסנדיג אז עס מידה כנגד מידה וועט ער זיך מתבונן זיין און תשובה טון אויף די נקודה, אבער חלילה אז ער זאל טראכטן אז עס איז א מקרה, ווייל יעדער זאך - אויך א זאך וואס קומט צו אים דורך די בעלי בחירה - קומט פון הימל.

זאל הקב״ה געבן אז מען זאל אייביג בלייבן מיט די גאנצע אמונה אין הקב״ה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

איינגעשיקט דורך לייענערס

# עשה לך רב והסתלק מן הספק - א שידוך מיט געלט

אויף צוויי זאכן זאגן חז״ל אז איר שוועריגקייט איז כקריעת ים סוף, אויף געלט און אויף שידוכים.

וואס געשעט ווען ביידע טרעפן זיך צוזאמען? ביי מיר איז געווען אזא מעשה, איך בין געווען אן עלטערער בחור, עס האט זיך נישט געמאכט קיין שידוך און איך האב געווארט א לאנגע צייט אין די רייע.

אין א טאג האט מען מיר אנגעטראגן א שידוך, עס איז געווען א פיינער שידוך, מיר האבן זיך געטראפן און די שידוך האט אויסגעזען פאסיג. מען האט שוין געוואלט שליסן אבער דא האט זיך געמאכט א קריזיס, די עלטערן פון די מיידל האבן גע׳טענה׳ט אז זיי האבן נישט קיין פרוטה לפורטה, זיי האבן נישט קיין געלט פאר די חתונה.

מיינע עלטערן זענען אויך שוואכע בעלי יכולת, אבער זיי האבן זיך אונטערגענומען צו געבן האלב.

עס האט געפעלט די צווייטע האלב, און אן קיין צווייטע האלב איז נישט דא קיין שידוך....

איך בין געווען שבור ורצוץ, די ערשטע מחשבה וואס איז ארויפגעקומען אויפ׳ן קאפ איז געווען אז ווארשיינליך איז דאס נישט מיין באשערטע זיווג, אבער דאן האבן אנדערע גע׳עצה׳ט אז איך זאל נעמען די האלבע אויף מיר, אז וועגן געלט לאזט מען נישט אפ קיין שידוך.

נישט טרעפנדיג קיין וועג ארויס האב איך זיך געווענדן צו א חשובער רב, און אים געבעטן אז איך וויל זיך דורכרעדן מיט אים איבער די נושא. מען האט באשטימט א באגעגעניש און מיר האבן זיך געטראפן.

מיט די גרעסטע מאס סבלנות האט דער רב אויסגעהערט מיין ערציילונג און גע׳פסק׳נט אז איך זאל טון דער שידוך - די געלט וועסטו שוין האבן פאר די שידוך.

ווען איך האב זיך געגרייט ארויסצוגיין האט א צווייטער איד אריינגעקלאפט אין טיר, דער רב זעענדיג ווער עס שטייט ביים טיר, האט געבעטן אז איך זאל ווארטן א רגע.

״דערצייל אים וואס איז די נושא איז״, האט דער רב געבעטן ביי מיר.

איך האב געפאלגט, איך האב דערציילט פאר יענעם איד אלעס וואס כ׳ווייס. דער איד האט אויסגעהערט און זיך פארקלאפט די הענט זאגנדיג אז ער קען מיר נישט העלפן.

ביני לביני האט דער איד באקומען א טעלעפאן קאלל, ער האט מיר געבעטן צו ווארטן א רגע, א מינוט דערויף האט ער אראפגעלייגט און רופט זיך אן מיט וואונדער אז א איד האט אים נארוואס אריינגעקלינגען זאגנדיג אז ער איז גרייט צוגעבן פופציג פראצענט פון די חתונה קאסטן.

״קום מארגן אהער, און כ׳געב דיר דאס געלט״.

פארוואונדערט פון וואס עס גייט דא פאר, האב איך ממשיך געווען די שידוך און צומארגענס בין איך צוריקגעקומען אפצונעמען דאס געלט.

נאכ׳ן באקומען דאס געלט, האט מיר דער איד דערציילט וואס עס איז דא געווען. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ווען איך האב דערציילט מיין געשעעניש פאר׳ן עסקן איז געזעסן א איד אין די שכינות׳דיגע צימער און אויסגעהערט די געשיכטע. דער איד איז אן עושר און האבנדיג ביי זיך צדקה געלט האט ער מיר אריינגערופן זאגנדיג אז ער נעמט אויף זיך די הוצאות החתונה אבער בתנאי אז דער חתן זאל נישט וויסן ווער דער נדבן איז געווען. נאכקומענדיג זיין בקשה האב איך דיר געהייסן קומען מארגן.

דער פריש געווארענער חתן האט געדאנקט הקב״ה און איינגעזען אז די שידוך איז יא א פאסיגער שידוך, ווייל אפילו דאס געלט פאר די חתונה איז שוין אנגעקומען, און ער האט אויסגעפירט אז צום ערשטן מאל אין זיין לעבן האט ער געזען באשיינפערליך [בחוש] וואו דער מאמר חז״ל ׳עשה לך רב והסתלק מן הספק׳ ווערט מקויים אין פולן זין.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: צ.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# בטחון אינעם אויבערשטן

**"כִּי אִם זְכַרְתַּנִי אִתְּךָ וגו' וְהִזְכַּרְתַּנִי אֶל פַּרְעֹה, וְהוֹצֵאתַנִי מִן הַבַּיִת הַזֶּה"**
מ, יד

**עס ווערט געברענגט אין מדרש** (פט, ג): "אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר שָׂם ה' מִבְטַחוֹ (תהלים מ, ה), זֶה יוֹסֵף. 'וְלֹא פָנָה אֶל רְהָבִים', עַל יְדֵי שֶׁאָמַר לְשַׂר הַמַּשְׁקִים 'זְכַרְתַּנִי, וְהִזְכַּרְתַּנִי' נִתּוֹסֵף לוֹ שְׁתֵּי שָׁנִים", ביז אהער פונעם מדרש. און אינעם ספר הקדוש **דגל מחנה אפרים** (פר' בשלח) ווערט ערקלערט ווי פאלגנד: "אָמַר **אֲדוֹנִי אָבִי זְקֵנִי** [דער בַּעַל שֵׁם טוֹב הקדוש] **זללה"ה**, עַל פָּסוּק (ירמיה יז, ז) 'בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ', וְזֶה תּוֹכֶן דְּבָרָיו, כִּי יֵשׁ **בּוֹטֵחַ וּמַבְטִיחַ וּמֻבְטָח**. – 'בּוֹטֵחַ', הַיְנוּ אוֹתוֹ אָדָם שֶׁהוּא בּוֹטֵחַ. 'מַבְטִיחַ', הַיְנוּ אוֹתוֹ שֶׁהוּא מַבְטִיחַ. וּ'מֻבְטָח', הַיְנוּ אוֹתוֹ עִלָּה שֶׁעַל יָדָהּ הוּא בָּטוּחַ לָבֹא לְאוֹתוֹ הַדָּבָר".

"וְהוּא דֶּרֶךְ מָשָׁל, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא **הַמַּבְטִיחַ** לְאָדָם שֶׁיִּתֵּן לוֹ כָּל צָרְכּוֹ וְדֵי מַחְסוֹרוֹ כְּשֶׁיֵּלֵךְ בִּדְרָכָיו, וְהָאָדָם הוּא **הַבּוֹטֵחַ** בָּזֶה. וּ**מֻבְטָח** הַיְנוּ שֶׁאַף שֶׁהוּא בּוֹטֵחַ שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַזְמִין לוֹ בְּוַדַּאי פַּרְנָסָתוֹ, מִכָּל מָקוֹם צָרִיךְ עִלָּה לָזֶה. שֶׁיִּהְיֶה הַסִּבָּה מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁעַל יָדָהּ יִתְפַּרְנֵס, אוֹ שֶׁהוּא מַשָּׂא וּמַתָּן אוֹ שְׁאָר דָּבָר. וְאָדָם כָּזֶה עֲדַיִן לֹא הִגִּיעַ לֶאֱמוּנָה הָעִקָּרִית. כִּי הָעִקָּר לְהַאֲמִין בַּה' שֶׁהוּא לְבַדּוֹ הוּא וְאֵין בִּלְתּוֹ, וְשֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לָשׂוּם עִלָּה וְסִבָּה, שֶׁעַל יָדָהּ יִמְשׁוֹךְ לוֹ פַּרְנָסָתוֹ וכו'".

"וְזֶהוּ 'בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה', וְהָיָה ה' **מִבְטַחוֹ**', הַיְנוּ **הַמֻּבְטָח** שֶׁלּוֹ יִהְיֶה גַּם כֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁרַק הוּא לְבַדּוֹ הוּא, וְאֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה עִלָּה וְסִבָּה לְפַרְנָסָתוֹ וְכוּ'. וַאֲפִילוּ כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ הַדָּבָר עַל יְדֵי עִלָּה, יַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה שֶׁהוּא מַמָּשׁ ה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁרָצָה לְפַרְנֵס אוֹתוֹ בַּדֶּרֶךְ זֶה, אֲבָל לֹא שֶׁיִּהְיֶה מֻכְרָח הַדָּבָר עַל יְדֵי סִבָּה וַהֲכָנָה, רַק לִבְטֹחַ בַּה' **וְזֶהוּ מַדְרֵגָה גְּדוֹלָה**", ביז אהער פונעם הייליגן דגל מחנה אפרים. [זע ענדליכע ווערטער דערצו אינעם ספה"ק **בית הלוי** סו"פ ויצא].

->•<-

איינער פון די געהויבענע מענטשן פון **ירושלים של מעלה** אינעם פריערדיגן דור איז געווען **הרה"ח רבי מנחם פישער זצ"ל**, א חשוב'ער תלמיד חכם און ירא שמים, פון דער נקיי הדעת שבירושלים. אויך אינעם געגנט פון די **'אונגארישע הייזער'** וואו ער האט געוואוינט, וועלכער איז געווען פול מיט געהויבענע חכמים וסופרים אין זיין צייט, איז ער געווען קענטיג מיט זיין געוואלדיגע תמימות און ערליכקייט.

איינס פון די אויסגעצייכנטע מידות טובות מיט וואס דער אייגנארטיגער רבי מנחם איז געווען באקרוינט, איז געווען די **'מידת הביטחון'**, אין וואס ער האט זיך גאר שטארק אויסגעצייכנט, און ער פלעגט כל ימיו אסאך ארומרעדן איבער אמונה און בטחון אינעם אויבערשטן.

זייענדיג אויף דער עלטער, א קורצער צייט איידער זיין פטירה, האט ער געשמועסט מיט זיין זון, און ער האט אסאך ארומגערעדט דברי התחזקות אין אמונה און בטחון. ווי עס זעט אויס, האט ער געפילט אז זיין צייט איז נאנט, און אזוי אינמיטן רעדן איז ער פלוצלונג געווארן זייער באגייסטערט, זיין געזיכט איז געווארן גאר ערנסט, און א רויטער קאליר האט איבערגענומען זיין פנים, און אזוי האט ער זיך אנגערופן צו זיין זון:

איך וויל דיר דערציילן אן עובדא פון מיינע יונגע יארן, עפעס וואס איך האב נאך קיינמאל נישט פארציילט פאר קיין מענטש! און כאטש איך אנטלויף שטארק פון יוהרא [זיך גרויסהאלטן איבער אנדערע], און איך האב מיינע אלע טעג גארנישט פארציילט איבער זיך אליין, און איך בין אנטלאפן פון יעדן ברעקל פון כבוד און גאוה אזוי ווי מען אנטלויפט פון פייער! טראצדעם שפיר איך אז עס וועט זיין פאר אייך א געוואלדיגער חיזוק אין אמונה און בטחון, און אט דער חיזוק איז וויכטיגער פאר מיר פון אלעס!

- די מענטשן פון ירושלים וועלכע זענען געווען יראים ושלמים, זענען כידוע געווען אויסגעצייכנט מיט די מידה פון ענוה, זיי האבן שטארק נישט געהאט קיין חשק זיך צו גרויסהאלטן און זיך אליין צו אויפבלאזן... און אפילו די גרעסטע צווישן זיי, האבן זיך אויפגעפירט ווי פשוט'ע מענטשן, זיך ארויסדרייענדיג פון יעדער זאך וואס שמעקט נאר מיט א ריח פון כבוד. רבי מנחם איז געווען כמעט אזוי ווי א 'צדיק נסתר', טוענדיג אלעס אזוי אז מען זאל אים נישט מכבד זיין.

– דעריבער איז עס געווען א געוואלדיגער חידוש פאר זיין זון, אז זיין טאטע נעמט זיך דערציילן א מעשה וועגן אים אליין, און דערפון האט ער פארשטאנען אז דא רעדט זיך אוודאי פון א ספעציעלע עובדא וואס טראגט מיט זיך א געוואלדיגן מוסר השכל, און ער האט זיכער געמאכט נישט צו פארפעלן קיין ווארט דערפון!

און זיין טאטע דער צדיק האט גענומען דערציילן:

אין מיין יוגנט, האב איך געזוכט א כשר'ע השתדלות פאר פרנסה, וואס וועט מיר אויך איבערלאזן גענוג צייט צו עוסק זיין אין די הייליגע תורה, און דעריבער בין איך געווארן א 'מילעכיגער'. דורכאויס עטליכע שעות יעדן פארטאגס, פלעג איך זיך דרייען איבערן שטאט מיט א ספעציעלן וואגן, און געטיילט פריש עמילך פאר די איינוואוינער פון ירושלים עיר הקודש. יעדע משפחה האט ארויסגעשטעלט ביינאכט דעם ליידיגן קריגל מילך ביים שוועל פונעם טיר, און ווען איך בין דורכגעגאנגען פארטאגס נעבן די טירן, האב איך אנגעפילט די קריגלעך מיט פרישע מילך, און פארשרייבן אינעם בוך דעם סדר וויאזוי די מילך איז געווארן אויסגעטיילט. איינמאל אין חודש האב איך זיך ארומגעדרייט צווישן אלע משפחות, צו איינמאנען דאס געלט, און אזוי האב איך זיך גאנץ פיין געשפייזט ברוך השם, אינדערצייט וואס מערסטנס שעות פונעם טאג זענען געבליבן פריי פארן עסק התורה הקדושה.

איין פרימארגן איז געווען זייער א פארנעפלטער. א שווערע נעפל האט געהערשט איבער אלע גאסן פונעם שטאט, און די לאמטערנע וואס איך האב געהאלטן אין האנט, האט נישט צופיל געהאלפן צו קענען זען דעם וועג. און אזוי, אינמיטן פארן מיטן מילך-וואגן האב איך זיך אריינגעהאקט אין עפעס ל"ע, און שטארק פארוואונדעט געווארן רחמנא ליצלן, און בין אזוי געלעגן **זעקס וואכן** אין אומבאוואוסטזיין!

דורכאויס די גאנצע צייט, האט מיין נשמה געשוועבט צווישן לעבן און טויט, פילע תפילות זענען פארגאסן געווארן פאר מיין ערהוילונג, ביז דער גרויסער נס איז געשען, און איך האב זיך פלוצלונג אויפגעוועקט צום לעבן. איך האב זיך שנעל אויסגעהיילט און ארויסגעקומען פון שפיטאל געזונט און שטארק, דאנקענדיג דעם גרויסן באשעפער.

מאכנדיג דערנאך א חשבון הנפש ביי מיר – אזוי ווי רבותינו ז"ל האבן אונז אויסגעלערנט (ברכות ה.): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁיִּסּוּרִים בָּאִים עָלָיו יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו" – בין איך אנגעקומען צו די מסקנא אז איך דארף זיך מער מחזק זיין אין די מידה פון **בטחון** אין השם יתברך! אז דער אויבערשטער זאל זיין פאר מיר נישט נאר א **'מבטיח'**, נאר אויך א **'מבטח'**, און אז איך זאל זיך מער נישט משתדל זיין נאך פארשידענע סיבות און וועגן מיט פרנסה נאר איך זאל לייגן מיין גאנצע פארזיכערונג אינעם אויבערשטן אליין.

אין ליכט פון אט די מסקנא, האב איך אפגעלאזט מיין ארבעט, פון פארטיילן די מילך, איבערגעבנדיג די 'חזקה' פאר אן אנדערן, און איך האב זיך אינגאנצן איבערגעגעבן צום עסק התורה הקדושה און עבודת השם יתברך!

אינעם געגנט פון **בתי אונגארין** אין ירושלים עיר הקודש, איז דא א קליין בית המדרש, וואס טראגט דעם נאמען: **"פאפא-דיין שוהל"**, זייענדיג דער בית המדרש פונעם דיין פון פאפא. – דער הויז פון רבי מנחם האט זיך געפינען זייער נאנט צו אט דעם בית המדרש. איז רבי מנחם אריינגעגאנגען דארט אינעם קליין בית המדרש, וואו ער האט געגלוסט זיך צו געפינען, און ער האט זיך דארט געזעצן לערנען און לערנען אן אויפהער, שפירנדיג יעדן רגע אז זיין לעבן איז אים געגעבן געווארן במתנה מן השמים, און ער דארף עס אויסנוצן מיט גרויס קדושה וטהרה... ווילאנג ער לעבט!

אין אנהייב, איז נאך געווען אביסל געלט אין הויז, פון דאס וואס מען האט זיך אפגעשפָּארט במשך הזמן, און זיין ווייב די צדקנית האט מיט איר בִּינָה יְתֵרָה מצליח געווען צו אנהאלטן די געברויכן פונעם הויז מיט חכמה.

דאס האט אבער נישט געצויגן זייער לאנג. גאנץ שנעל האט זיך דאס געלט געענדיגט, און דער הויז האט זיך צוביסלעך אנגעהויבן אויסצולײדיגן, ביז אין אַן אוונט איז דאס הויז געבליבן גענצליך ליידיג! נאכדעם וואס די קינדער האבן געהונגערט א גאנצן טאג, נישט האבנדיג קיין קליין שטיקל ברויט זיי צו געבן, האט די פרוי געפילט אז עס איז **באו מים עד נפש!**

שפעט אין אוונט, ווען זי האט געזען אז עס איז שווער פאר די קינדער איינצושלאפן צוליב די געוואלדיגע הונגער וואס דרוקט זיי, איז זי אויפגעשטאנען מיט גרויס באגייסטערונג, און איז שנעל ארויפגעלאפן צום בית המדרש, וואו איר מאן דער צדיק איז געזעצן און געלערנט מיט גרויס התמדה, און שטארק געבעטן פון אים אז ער זאל זיך שוין נעמען עפעס טון אלס השתדלות פאר פרנסה!

וואס וועט זיין? – האט זי זיך באקלאגט מיט גרויס ווייטאג און זארג – עס איז גארנישט דא אינדערהיים! די קינדער הערן נישט אויף צו וויינען פון גרויס הונגער!

רבי מנחם האט זיך נישט איבערגענומען, נאר מיט א רואיגן טאן האט ער איר געענטפערט מיט א שמייכל און במנוחת הנפש, אז מיר דארפן זיך גארנישט זארגן, וויבאלד מַאן דְּיָהֵיב חַיֵּי יְהִיב מְזוֹנֵי (תענית ח:), ווער עס געבט לעבן וועט אויך געבן שפייז, און דער אויבערשטער וועט אונז אוודאי נישט איבערלאזן אזוי... מיר דארפן זיך נאר פארזיכערן אויף אים בלב שלם!

די פרוי האט זיך אביסל געשטארקט פון די חיזוק רייד וואס איר מאן האט איר געגעבן, און זי איז צוריק אהיימגעגאנגען, אבער עטליכע שעה שפעטער ווען דאס ענגשאפט האט זיך געשטארקט, איז זי נאכאמאל ארויסגעגאנגען פון הויז און איז געגאנגען צום בית המדרש מיט גרויס זארג!

וואס וועט דא זיין? – האט זי געוואלט וויסן – די קינדער האלטן עס שוין נישט אויס, נאך אביסל גייען זיי חלילה אויס פאר הונגער אנטקעגן אונזערע אויגן!

רבי מנחם איז אבער גארנישט דערשראקן געווארן, און ערקלערט: עס איז

המשך אין עמוד ד' >|




נישטא קיין שום ארט צו זיין באזארגט! דער אויבערשטער וועט אוודאי צושיקן זיין הילף!

אזוי האט זיך דער זאך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, די פרוי וויינט און געקלאגט, און דער מאן בארואיגט איר און שטארקט איר אז מען זאל חלילה נישט פארלירן דעם האפענונג!

האלב צוויי ביינאכט, איז די פרוי אינגאנצן צובראכן געווארן. די קינדער האבן אויסגעזען בלאס און אפגעשוואכט, און האבן געוויינט פאר איר די גאנצע צייט פאר אביסל עסן! – די איז ארויפגעגאנגען צום בית המדרש זייער צושטורעמט, און האט זיך גענומען שטארק וויינען, זאגנדיג מיט פעסטקייט: דאס איז דאס! עד כאן! מען קען אזוי נישט ווייטערגיין בשום פנים ואופן! די קינדער האלטן ממש ביי חלשות, רחמנא ליצלן!

ווען רבי מנחם האט דאס געהערט, און געזען ווי זיין פרוי די צדקנית וויינט אן אויפהער, האט ער אויפגעהויבן זיין היילינע אויגן פון די גמרא, און געזאגט שטילערהייט:

אזוי איז דער מצב? אויב אזוי, לאמיר מתפלל זיין!

ער האט שטילערהייט פארמאכט די גמרא, און גענומען דעם **ספר תהלים** און זיך גענומען מתפלל זיין מיט גרויס באגייסטערונג, און זיין ווייב די צדיקת האט זיך צוריקגעקערט אין הויז מיט א שווער הארץ, און האט אויך גענומען דעם ספר תהלים אין האנט אריין.

און אזוי זענען ביידע געווען פארזינקען אין זייער תפילה, ער אין זיין ווינקל און זי אין איר ווינקל, פאר א האלבע שעה!

בערך צוויי אזייגער ביינאכט, האט זיך געהערט א לייכטע קלאפ אין טיר. – דאס איז געווען זייער א מאדנע זאך, וויבאלד אין אזא צייט שלאפט שוין די גאנצע שטאט, און מען האט נאך קיינמאל נישט געקלאפט אזוי שפעט ביי זיי אין טיר...

די פרוי איז צוגעגאנגען עפענען די טיר, ווען איר מאן זיצט נאך אין בית המדרש איבערגעבויגן איבערן ספר תהלים, און אט קומען אריין צוויי אומבאקאנטע מענטשן, וואס עס איז געווען קענטליך אויף זיי און אויף זייערע קליידונג אז זיי זענען נישט פונעם געגנט, אין זייערע הענט האבן זיי געהאלטן א ריזיגע קעסטל, וואס איז געווען פול ביז אויבן מיט אלע ערליי מאכלים, מיט נאך פילע קליידער און מתנות פאר די קינדער, דאס איז געווען גענוג פאר זייער א לאנגע תקופה!

זיי האבן זיך שטארק פארענטפערט אויף די שפעטע שעה, און האבן ערקלערט אז דאס איז א 'ליפערונג' [משלוח/דעליווערי] וואס איז היינט אנגעקומען פון אמעריקע פאר די משפחה, און דער פארוואלטונג [הנהלה] פון זייער ארבעט פאדערט אז יעדער ליפערונג זאל אריבערגעפירט ווערן נאך אינעם זעלבן טאג! אזוי גייט עס דארט אין דער קאמפאני [חברה]!

זיי האבן אראפגעלייגט דעם ריזיגן פושקע אויף דער ערד, און האבן זיך שנעל געאיילט צו זייער וועג...

ווידעראמאל איז די פרוי שנעל געלאפן אויבן צום בית המדרש, דאסמאל אביסל מער בשמחה... און האט געפינען איר מאן ווי ער זיצט און איז מתפלל. מיט באגייסטערונג האט זי אים דערציילט איבערן מאדנעם 'ליפערונג' וואס איז נארוואס אנגעקומען אינמיטן די נאכט, און זי האט אים געבעטן אז ער זאל שנעל קומען זען פון וואס עס רעדט זיך.

וואס רעדסטו? האט זיך ר' מנחם געוואונדערט. איך האב נישט קיין שום קרוב און קיין שום באקאנטער אין אמעריקע... איך קען דארט קיינעם נישט! דאס איז דאך אוממעגליך!

ער האט שנעל פארמאכט דעם תהלים, כדי צו זאגן פאר די אומבאקאנטע שלוחים, אז עס איז דא ווארשיינליך געפאלן א טעות! דאס איז נישט זיין פעקל!

די צוויי מענטשן זענען אבער גלייך פארשוואונדן געווארן, אזוי ווי די ערד וואלט זיי פארשלינגען, און וויפיל מען האט זיי געזוכט אינעם גאנצן געגנט, האט מען נישט געפינען קיין זכר פון די צוויי מענטשן!

ווען זיי האבן געקוקט אויף די איינצלהייטן וואס איז פארצייכנט אויפן צעטל איבערן פעקל, האבן זיי געזען אז עס איז דארט פארשריבן שווארץ און ווייס אלע זייערע פונקטליכע איינצלהייטן, און דערפון האט מען געזען אז דער פעקל איז געאייגנט טאקע פאר זיי!

ווען רבי מנחם האט דאס געזען, איז ער געבליבן שטיין ערשטוינט, און זיך אנגערופן: **דאס איז נישט קיין פעקל פון אמעריקע... דאס איז א פעקל פון הימל!!! אינעם ריכטיגן ארט און אין די ריכטיגע צייט!**

א קורצע צייט שפעטער, האט דער נייער **מילעכיגער** זיך נישט קיין עצה געגעבן מיטן ארבעט, און די חשוב'ע רעבעצן פון רבי מנחם איז געווארן דער מילעכיגער אנשטאט איר מאן, און האט געשפייזט די משפחה בכבוד, אינדערצייט וואס איר מאן דער צדיק האט נישט אפגעלאזט דעם בית המדרש, און לא פסק פומיה מגירסא ביז זיין לעצטן טאג!

-> • <-

**וואס לערנען מיר זיך פון אט די וואונדערליכע מעשה?**

אוודאי איז דאס נישט קיין דרך פאר יעדן איינעם, וויבאלד דאס איז דאך א **געוואלדיגע מדריגה** אין בטחון, אזוי ווי עס שטייט קלאר אינעם אויבנדערמאנטן 'דגל', און נאר יחידי סגולה זענען די וואס לייגן ארויף אויך די סיבה, די '*מבטח*' אויפן אויבערשטן.

אבער כאטש וואס מיר דארפן פארשטייט זיך עוסק זיין אין אונזער השתדלות פאר פרנסה און פאר אנדערע ענינים, לערנען מיר זיך דא א גרויסן פרק אין **מידת הביטחון!**

אז מיר זאלן וויסן און פארשטיין ווער איז דער זן ומפרנס!

למשל, אויב מיר האבן א שעה צייט אין טאג א **טעגליכן שיעור**, אדער אן אנדערע **קביעות עתים** אין לימוד התורה, זאל די שעה זיין גענצליך **קודש קדשים פאר לימוד התורה!**

עס איז אסור בשום אופן אז ענינים פון פרנסה אדער אנדערע הבלי עולם הזה זאלן אים שטערן ביי יענע שעה! ווייל "קביעת עתים לתורה" איז דאך א חיוב פאר יעדן איד!

**פאר יענע שעה קענען מיר זיך גוט אפלערנען פון אט די מעשה, צו וויסן וואס עס מיינט בטחון!**

אין אט די שעה איז נישטא קיין דאגות, נישטא קיין שטערונגען, נישטא קיין ארבעט! אין יענע שעה, זיי א בעל בטחון בשלימות! קיין שום זאך וועט דיר נישט קענען שטערן פון איין שעה פון עולם הבא אויף דער וועלט!

**אט דער מוסר-לערנען איז א לימוד "שוה לכל נפש" וואס מיר לערנען זיך פון אט די וואונדערליכע מעשה!**

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173